# לידער
## ערשטער טייל: צווישן דא און דארטן




יהושע מרדכי ליפשיץ (1872-1878) מילונאי, בלשן וסופר יהודי יליד רוסיה, היה אבי היידישיזם והראשון שקרא להעניק לניב היהודי-גרמני מעמד של שפה בפני עצמה. בשנת 1908 הוכרזה היידיש בוועידת צ'רנוביץ 'אחת השפות הלאומיות של העם היהודי'.

# ראש השנה

ראש-השנה - אויף יִדיש נַיי יאָר,
ייִדן פַייערן דעם יום-טוב אויף גאָר דער וועלט.
אין נַייעם יאָר דער שלום זאָל שוין קומען,
פרידן זאָל שוין זַיין וואָס אונדז נאָר פעלט.

דער יאָר וואָס איז אַוועק,
געווען באַגלייט מיט ניט פיל גליק,
קרבנות פון מלחמות, קרבנות אויף די וועגן,
אַזאַ יאָר ניט קומען זאָל צוריק.

טאַטעס, מאַמעס, בעטן אויף אַ יאָר אַ גוטן.
מען איז מתפלל פאַר די קינדער אין די וויגן.
אַ תפילה פאַר די וואָס היטן אונדזער לאַנד.
אין נַייעם יאָר מ׳זאָל לעבן גוט און זײַן צופרידן.

אויך פרידן מיט די שכנים לענדער -
עס זאָל זַיין שלום אין אונדזער לאַנד.
אַ יאָר פון ווילשטאַנד וואָס יעדער ווינטשט זיך.
- אַ יאָר מ׳זאָל ניט האַלטן מער געווער אין האַנט.

אַ יאָר פון פרידן, ניט זַיין זאָל מער קיין קריג.
אַזאַ יאָר וועלן אַלע מיט שמחה באַגריסן,
אַ יאָר פון פרייד און שלום.
אויך אונדזער לאַנד פון שלום דאַרף געניסן.
ראש השנה איז בַיי ייִדן!
פוצט זיך אויס אין בעסטן קלייד.
מיט באַגריסונגען און גוטע ווונטשן,
מיט מתנות, ברכות, און גוטע רייד.

# ייִדיש

מען דאַרף ניט פאַרגעסן די שפּראַך פון די מאַמעס,
ייִדיש לשון איז ליבע - וואָס איז אונדז אַזוי טײַער,
לידער און מעשׂיות וועגן גאָלדענע פּאַוועס,
אַ ליד פון דער זון דער וואָס פאַרגאַנגען אין פֿײַער.

אונדזערע מאַמעס, אַ זאַפּטיקן ייִדיש גערעדט,
דעם אלף און בית, דעם גימל און שין,
מיט דער דאָזיקער שפּראַך צו גאָט אַ תּפילה געבעט,
אָדער אַ ליד וועגן וועלדער, וואָס טונקט זיך אין גרין.

ייִדיש, די שפּראַך אויף וועלכער מיר זײַנען ערצויגן,
ס'איז פון דורות דער לשון אונדזערער געווען,
אויף דער שפּראַך די מאַמעס מילך אָנגעזויגן,
אויף ייִדיש באַוואונדערט די שטערן וואָס מיר האָבן געזען.

אין ייִדישע שולן געלערנט אויף דער שפּראַך: רעדן און שרײַבן.
דעם טעם פון אַ ייִדיש ליד ווען קינדערלעך זינגען,
מיטן קלאַנג פון די לידער געטאָן הונגער און אומעט פאַרטרײַבן.
אָרעמע יאַנקעלעך, שרהלעך - געטאָן די לופט פאַרקלינגען.

מיט דער ייִדישער שפּראַך אויף די ליפּן, די מאַמעס פאַרשוווּנדן,
אויף זייערע ביינער און ייִדישן לשון דאָס לאַנד אויפגעשטעלט,
מיטן ניט רעדן ייִדיש שיט מען זאַלץ אויף די ווונדן.
דאָס שיין לשון אונדזערס, ייִדיש: אוי ווײ, ווי עס פעלט.

## פרילינג

ווען  עס הערן אויף די ווינטן מיט די קעלטן,
דער ווינטער מיט די רעגנס איז פֿאַרבַיי,
עס צעשווימען זיך די וואָלקנס,
עס קומט דער פרילינג מיטן הימל בלוי.

אין די העלע טעג פון פרילינג,
ס׳ווילט זיך לידער זינגען,
פֿאַר די בלומען געלע, גרינע, רויטע,
פֿאַר די שאָף באַצירטע מיט גלעקלעך וואָס קלינגען.

גרעזעלעך און בלימעלעך, די זון וועקט זיי אויף,
אַ וועלט ווערט געבוירן אויף דאָס נַיי.
מענטשן ווערן ליבער אין דער צַייט פון פרילינג.
פייגעלעך באַגריסן מיט אַ צוויטשערַיי.

אָטעמסט טיף די פרישע לופט.
געניסט פון זון און גרינע פעלדער.
דער ווינטער איז אַוועק, אַ וואַרעם ווינטל בלאָזט.
פֿאַרבַײטסט שווערע שיך, טוסט אָן העלע קליידער.

אַ גרויסע מתנה האָט דאָס פֿאָלק געגעבן,
אין די שיינע טעג פון פרילינג, די מדינה אויפגעוואַכט,
קרבנות האָבן אונדזערע זין געגעבן,
אויסגעקעמפט דאָס לאַנד אין אַ בלוטיקער שלאַכט.

# זומער

עס קומט אַ טאָג אַ נַייער מיטן אויפגאַנג פון דער זון.
אירע שטראַלן ווי פעדעם זיך צעלייגט,
גראָזן, בלומען אויסגעצוואָגן פון נאַכטיקן טוי,
קליינע רעגנבויגנס אויף די גראָזן זיך צעשפרייט.

אַ טאָג אַ ליכטיקער ווי קאָליר פון גאָלד,
ריחות פון געוויקסן-וועלט פאַרשפרייט,
בלומען, גראָזן, און דאָס זשומען פון אַ בין,
אַ טאָג פון זומער זיך באַנַייט.

ווען דער האַלבער טאָג פון זומער קומט,
עס גליט זיך אָן די לופט - אין זעניט די זון עס שטייט.
עס פאַרשווינדט דער ריח פון געוויקסן-וועלט,
בלומען, גראָזן, וואַרטן ביז די זון פאַרגייט.

דער אָוונט קומט, אַ קילער ווינטל בלאָזט,
די געוויקסן-וועלט וועקט זיך אויף: גראָזן, בלומען.
אין אָוונטשַיין דאָס לעבן גייט אויף ווידער.
מיטן פאַרגיין פון הייסער זון, פרישקייט איז געקומען.

דער הימל צינדט זיך אָן מיט פֿײַער-פלאַם,
ווען די זון אין מערב זַייט פאַרגייט,
ביימער-קרוינען אין פַייערדיקן רויט באַמאָלט,
שאָטנס ווערן לאַנג, מיט שטערן דער הימל ווערט פאַרזייט.

# האַרבסט

אין פרימאָרגן, די זון פון האַרבסט באַווייזט זיך,
רוי ווי פֿייער, שיט מיט געלע שטראַלן,
ניט ווי זומער, ווי אַ שטיפמאַמע זי גלעט,
ניט קיין זומערדיקע פעדעם אויף דער ערד עס פאַלן.

האַרבסט - עס קומט נאָכן פרילינג און דעם זומער,
דער אומעט וועל פרילינג-זומער איז אַוועק.
האַרבסט - געלע בלעטער פון די בײמער פאַלן,
עס באַפאַלט אַ בענקשאַפט נאָך די זומער טעג.

בײַ מענטשן איז האַרבסט ניט קיין גרויסע פרייד,
באַלד וועט אויך דער ווינטער קומען.
מען ווערט עלטער אין דעם האַרבסט - דאָס לאָזט זיך פילן.
אין אַ געוויסן עלטער, דער וועג׳ז ניט פאַרלייגט מיט בלומען.

אין גרויען עלטער פילסטו יעדן טאָג דײַן צושטאַנד.
טעג אין טונקלקייט פון האַרבסט און רעגן.
פילסט דײַן עלטער מער ווי אין די זומער טעג.
פאַרענדיקסט דײַן שפּאַציר אין טונקל-גרויע וועגן.

אין אַלטער היים, נאָך די רעגנדיקע טעג פון האַרבסט,
קומט דער ווינטער און פאַרדעקט דעם אַרום ביז גאָר.
ווייס די ביימער, ווייס די וועגן - מיט ווייסקייט אַלץ פאַרשטעלט.
כ׳בענק ניט נאָך די ווייסקייט - עס דערמאָנט מיר מײַנע האָר.

אין די יאָרן וואָס ציילן גאָר ניט קליין,
קען מען ליב האָבן אַ פרײַנט - ליבן אין דער שטיל,
וואָס דערמאָנט דיר אַלטע צײַטן,
ווען דער ווינטער איז געווען אַ קינדער-שפּיל.

## ווינטער

נאָכן לאַנגן, הייסן זומער,
קומט ווינטער - רעגנס און אויך קעלט.
די זון פאַררוקט זיך מער אין דרום,
זומערדיקע שטראַלן פעלט.

רעגן, ווינט, דראָענדיקע וואָלקנס.
אַ בליץ די פינצטערניש צעשנײַדט.
קראַכן, דונערן צערודערן די לופט.
קליינע קוואַלן אויף דער ערד צעשפרייט.

עס גיסט דער רעגן אויף די שויבן,
ווי טרערן אין אַ טרויער טאָג.
אויך דער קלאַנג פונעם פאַלנדיקן רעגן,
מאָנאָטאָנע, ווי שנײַדן מיט אַ זעג.

ווען דער ווינטער מיט בליצן און רעגן, קומט אָן,
ס׳דוכט זיך אַז ס׳רעגנט אויף דער גאַנצער וועלט.
אַ גרויקייט אויפן הימל אויסגעבעט.
אַ שווערער וואָלקן די זון פאַרשטעלט.

דער טאָג איז קורץ. ס׳ווערט טונקל גיך.
די זון אין מערב פרי פאַרגייט.
פויגלען אין דרום לאַנג אַוועק.
אַ ווינטערדיקע טונקלקייט באַגלייט.

# ווען די זון פאַרגייט

די זון פאַרגייט הינטערן באַרג.
ערגעץ ווײַט גייט אויף אַ טאָג אַ נײַער,
ווי אַ פלאַם דער האָריזאָנט,
דער שפּיץ פון באַרג רויט ווי פֿײַער.

לאַנגזאַם פאַרגייט די זון.
דער טײַך, די פעלדער, נעמען אויף די נאַכט.
דער אָוונט קומט מיט לאַנגע שאָטנס טריט,
ענדע צײַט פון לאַנגן טאָג, אַ פּראַכט.

די פויגל אײַלן זיך אין נעסט.
דער קי-פּאַסטעך מיט די קי פון פעלד ער קומט.
אויך די הינער אין דעם שטײַג אַוועק,
יעדע קו אויף איר אופן ברומט.

דער וואַלד אין טונקלקייט פאַרהילט.
בוימער נעמען זיך אַרום.
שאָטנס קומען ווי אַ גראַנאַט טיול,
דער וואַלד אין טונקלקייט איז שטום.

בריליאַנטן שטערן באַדעקן דעם הימל,
ווי בליצן מיט פאַרכישופטע קאָלירן,
די לבנה אײַנזאַם מיט פלעקן אויף איר פּנים,
ניט זי פינקלט - מיט קיין אבר טוט זי רירן.

## אונזער יאָקאָ

איך האָב אַ קליינעם הינטל,
מַיין בעסטער פרַיינד איז ער.
יאָקאָ איז זַיין נאָמען
וואַשן אים קומט אָן שווער.

זַיינע אויגן ווי פּאָנאַרן ברענען,
ציינער ווַייס ווי שניי,
דער שפּיץ פון נאָז מיט אַ שוואַרצן פּינטל,
זַיין האָריק פעל מיט פאַרבן צוויי.

זַיין עק ווי אַ פראַגע צייכן מיט אַ שפּיץ,
מיטן רויטן צינגל באַלעקט ער זַיין מויל
נאָכן עסן וואָס ער האָט ליב.
אויף קעץ און בריוו טרעגער האַווקעט אויפן קול.

ווינטער, ווען וואַרעם איז אין שטוב,
ווי אַ קנויל פאַרדרייט די פּיסלעך אונטער זיך,
מיט די אויגן קוקט ער רעכטס און לינקס,
הערט ער זַיין נאָמען, גיט אַ שטעל זיך אויף גיך.

אַלע זַיינען פאַרליבט אין אים,
אויגן גרויסע, גרויס ווי ניס,
זַיינע וואָנצעס מיטן שיינעם מויל,
זַיין שיינער פּנים מיט די קרומע פיס.

נאָכגעלאָפן מיר בַיים קויפן שפַּייז,
געבעטלט ווורשט אין געשעפט ווי אַ נעבעך,
טיילמאָל באַקומען מיט אַ שטעקן,
איינמאָל אין זַיין שיינע קאָפּ געקראָגן מיט אַ רעטעך.

דעם בילד פון שיינעם יאָקאָ,
טראָג איך טיף אין האַרצן,
געווען איז ער קלוג און שיין,
איך דערמאָן אים מיט בענקשאַפט און מיט שמאַרצן.

## אונדזער ווײַסע קעצעלע

עס איז אין אונדזער הויף,
אַ ווײַס קעצעלע געקומען.
ווײַס ווי שניי איר קערפּערל.
אָבער בײַיכעלע און הערצעלע
געשעדיקטע, ווי אַ וואָרט אַ קרומען...

ענת, דער דאָקטער
פון קעצעלעך און הינטעלעך,
איר דיאַגנאָז וועגן שיינעם קעצעלע,
מען מוז איר בײַיכעלע עפענען,
דער סוף מען ווייס ניט (מיט קליינע פינטעלעך...).

מען האָט געמאָסטן און געשניטן,
דאָס הערצעלע, לעבער, און דער מאָגן,
גאָרניט אויף זײַין אָרט: אַ שווערע אַרבעט.
איבערשטעלן אַלע "מעבל" בײַי איר אין בײַיכעלע,
ווי ס'וועט זיך באַקומען, וועט מען שפּעטער זאָגן...

דער דאָקטער געווען איז אין צווייפל,
העלפט אויף העלפט, לעבן אָדער שטאַרבן...
קעצלס מזל, דער דאָקטער האָט איר ליב באַקומען,
געאַרבעט שווער - אַלץ פאַרדרייט געווען,
געראַטעוועט קעצעלען, דאָס בײַיכעלע אין קאַרבן.

דאָס ווײַיס קעצעלע אין שטוב געגומען,
ווען דאָס שיין קעצעלע׳ז צו זיך געקומען,
אַ גרויסער יום טוב געווען בײַי אונדז,
איר מעבל איבערגעשטעלט הערצל, לונגען, מאָגן,
אַלץ ווי עס באַדאַרף זײַין: אַ נײַיער לעבן אויפגעקומען...

זי שפּילט זיך מיט פּילקעלעך פון זילבער פּאַפּיר,
עסט און מאַכט אַ מאָגן ווי אַ גרויסע,
נאָך אַ ביסל צײַיט - ס׳נאָך פרי,
אויפן הויף וועט זי לויפן כאַפּן פייגל,
זי וואַשט זיך אַ סך, און פּוצט זיך ווי אַ פּריצטע...

אַלע האָבן ליב דאָס ווײַיס קעצל,
איר בײַיכעלע, די פיסעלעך, די גרינע אויגן.
ווי אַ מאָדעלקע מיט אירע לאַנגע פיס,
מיטן בייגעוודיקן קערפּערל און די דינע טאַליע,
אַ קעצעלע אַ שיינס איז צו אונדז צוגעפלויגן...

## די אָנדעק פּאָן

האַלט הויך די אָנדענק-פּאָן,
לכבוד די אומגעבראַכטע אין שואה-טעג,
פֿאַר טאַטעס, מאַמעס, און קליינע קינדער,
די וואָס זײַנען געגאַנגען דעם לעצטן וועג.

אַלעמען אָן אונטערשייד פֿאַרברענט,
דו ביסט פֿאַרבליבן ווי אַ ווונדער,
כדי די אָנדענק פּאָן צו טראָגן,
צום אָנדענק פֿון פֿאַברענטע קליינע קינדער.

הויך האַלט די אָנדענק-פּאָן כדי ניט פֿאַרגעסן,
זינג העכער און העכער דײַן טרויער ליד.
דאַנק דײַן מזל, וואָס דו ביסט לעבן געבליבן
פֿון דײַן משפּחה אַ לעצטער גליד.

מיר בייגן די קעפּ, מיר לאָזן אַראָפּ די פּענער
פֿאַר די וואָס זײַנען מיט אונדז מער ניטאָ,
פּענער, וואָס דערציילן פֿון קאַמף און פֿון טרויער.
פֿאַר די טרעגער פֿון פּענער ניט קומען זאָל אַזאַ שעה.

פֿאַרגעס ניט וואָס דעמאָלט איז געשען,
נאָך ניט פֿאַרטריקנט די טרערן, וועלכע האָבן באַוויינט.
דער לעצטער פֿאַרבליבענער פונק זאָל פֿאַרלאָשן ניט ווערן,
זאָל בלײַבן כאָטש איינער, וואָס דאָס ליד האָט געלייענט.

## צום יובל: פופציק יאָר מדינת ישראל

העכער צוויי טויזנט יאָר אין צעשפּרייטקייט,
דער ציפער פון פופציק איז ווייניק, איז קליין,
פאַר אונדזער געשיכטע פון טויזנטער יאָרן,
איז פופציק כמעט ווי גראַניט - און דאָך איז עס שיין.

נאָך בענקשאַפט פון צוויי טויזנט יאָר,
דער שטורמישער אַכט-און-פערציקסטער יאָר איז געקומען.
ניט אויף אַ טאַץ האָט מען אונדז אַ היימלאַנד געגעבן,
מלחמה געהאַלטן. פון שווערד האָט בלוט גערונען.

נאָכן באַפרייען די הייליקע ערד,
ייִדן געבענקט נאָך דעם לאַנד.
צענדליקער טויזנטער זיינען געקומען,
אויפשטעלן שטעט אויף מדברס זאַמד.

אין די אויפגעוואַכטע פרילינג טעג דעם עבר ניט פאַרגעסן.
מענטשן פון לאַגערן און געטאָס וועלכע זיינען געקומען,
אַ גרויסן בײַשטײַער געגעבן דעם לאַנד.
פון שיף אויפן פראָנט זיי גלייך גענומען.

אונדזערע עלטערן און זיידעס האָבן שווער געאַרבעט.
ניט געזוכט רייכקייט און געלט,
זיך איינגעשפּאַנט אין אַקער אייזן,
מיט מסירת נפש געבויט פאַר ייִדן אַ זיכערע וועלט.

די הייליקע מענטשן וועלכע זיינען געקומען,
פאַרטריקנט די זומפּן, דערפירט צו אַ לעבן.
מיט בלוט און מיט שווייס, מיט אַקער און ביקס,
ניט געקאַרגט קיין געזונט - אַלץ פאַרן אויפבלי געגעבן.

ס׳קומט אַ כבוד די וואָס זיינען אַוועק:
בן-גוריון, גאָלדע, רבין, אשקול, ספיר,
לאַסקאָוו, און דיין. ס׳ווילט זיך אַלעמען דערמאָנען,
אָבער עס פעלט אָרט אויפן פּאַפיר.

# פאַר מײַין אייניקל מאיה

דײַינע האָר ווי קופּער-פאַרב.
אויגן ווי קערשעלעך זיי גלאַנצן.
דײַין קול ווי גלעקעלעך עס קלינגט.
פיסעלעך שיינע וואָס האַלטן אין איין טאַנצן.

געגאַנגען איז מאַיאַ אין וואַלד אין גרויסן,
די האָר מיטן רויטן באַנד פאַרבונדן.
ווי אַ בלום צווישן גראָזן הויכע,
די קוסטעס מיט די בוימער דיר אַרומגענומען.

קענסט אַליין זיך שפּילן אין דײַין צימער.
פון לעגאָ אויסבויען פּאַלאַצן.
ליאַלקעס מיט אַ ניגעלע פאַרוויגן,
אין טאַקט מיט די הענטעלעך צו פּאַטשן.

די סבתא שרה האָט דיר זייער ליב געהאַט.
פלעגט דיר הייסע קושן געבן.
די קופּער-פאַרב פון דײַינע האָר,
דײַין סבתאס מאַמע האָט געהאַט בײַם לעבן.

דײַין סבא, שטענדיק טראַכט ער וועגן דיר.
ער וויל זען ווען אַ גרויסע וועסטו ווערן.
מיט לאַנגע צעפּ פון קופּערנעם קאָליר,
דײַין זיסע שטים מיט יאָרן שפּעטער הערן.

סבתא שרה האָט איר מאַמען זייער ליב געהאַט.
קוקנדיק אויף דיר, פלעגט זי זאָגן:
״לאַנגע יאָרן דיר. ביסט ענלעך אויף מײַין מאַמען.
נאָר אַ בעסער מזל זאָלסטו האָבן.״

דײַין טאַטע-מאַמע און די ברידערלעך די שיינע,
די מומע מירה און ישראל מיטן אַלטן זיידן,
אַלע, אַלע, קושן דיר.
זאָלסט אויסוואַקסן אַ גרויסע, אין נחת און אין פריידן.

# גלס בר-מצווה

גל איז דרַייצן יאָר געוואָרן.
אַרַיין אין זעלבשטענדיקן לעבן.
ס׳דוכט זיך, נאָרוואָס איז ער געבאָרן,
שוין לערנט די בר-מיצווה תורה בַיי אַ רבין.

ווי שוואַרצע פלוימען דַיינע אויגן.
ליפן רויט ווי בַיי פרויען אָנגעמאָלט.
דַיינע הענט אין שריפט און אין אַרבעט טויגן.
די נאַטור האָט דיר מיט שיינקייט אָפגעצאָלט.

די ידיעה פון דַיין שול איז אויף הונדערט,
כמעט דער בעסטער שילער אין דַיין קלאַס.
געקויפט דיר אַ מכשיר וועלכן דו באַוואונדערסט.
מיט זיך פאַרנעמען, ניט לויפן אויף דער גאַס.

באַשעפטיקונג האָט געפונען פאַר דיר דַיין זיידע.
דו וועסט דאַרפן שרַייבן און באַטראַכטן יעדעס וואָרט.
לערנסט יידיש, אויך עברית, מיר לערנען ביידע.
וועסט שרַייבן זאַצן, יעדער אויף זַיין אָרט.

דַיין סבתא פלעגט בַיים לעבן זאָגן:
כ׳וויל דערלעבן דַיין בר-מיצווה טאָג.
ניט דערלעבט - מַיין האַרץ פול מיט נאָגן
אירע לעצטע ווערטער טיף אין האַרץ איך טראָג.

## צענטער יאָרצַייט נאָך שרהס פּטירה

צען יאָר אַוועק, דער טרויער ניט פאַרבַיי,
כ׳בין שטאָלץ וואָס כ׳קען דערמאָנען דיר,
דער עלטער לאָזט ניט אַלץ געדענקען,
פעלסט די אייניקלעך, די קינדער, און אויך מיר.

צען יאָר אַוועק פון יולי צוויי און נַיינציק,
יעדן יאָר כ׳גיי אַראָפּ אַ טרעפּל פונעם לעבנס לייטער.
כ׳ווער נענטער צו דיר מיט גיכע טריט - איך קום!
כ׳פאַרגעס ניט דַיינע קלוגע רייד, און בין פון זיי דער היטער.

רייזע און טוביה, געקומען באַזוכן דעם קבר,
פון שוועסטער, באַגלייט מיט אַ טרער,
דערמאָנט פאַרשוווּנדענע פרילינגס אונדזערע.
פון יענע צַייטן און צרות, פאַרמַיידט מען טראַכטן מער.

די צַייטן פאַר מיר האָבן זיך געביטן, דעם טאַטן אויף הפקר ניט געלאָזט,
טייערע מירה מיט ישראל, מיך פאַרזאָרגט מיט צימער, עסן, און אַ בעט,
גלַייך ווי אַ משפּחה מיטגליד אין אַלע שטוב זאַכן,
איך פיל זיך גוט ווי כ׳וואָלט יאָרן אין יענער דירה געלעבט.

טוביהס שוועסטער: עס שפּאַרן טרערן בַיים פאַרלירן אַייער שמואלן,
ווי שטיינער פון באַרג וואָס קַייקלען זיך אַראָפּ,
ניטאָ אַזאַ וואָג וואָס דעם ווייטאָג קען מעסטן,
שמואל דער גוטער מאַן, טאַטע, זיידע. פאַר אַלעמען געווען איז די קאָפּ.

צען יאָר דאָס איז אַ לאַנגע צַייט,
דער שאָטן פון צופעליקע מענטשן איז אַוועק,
באַפרַייט זיך פון ליגנערס און ניט אָרנטלעכע לַייט
כאָטש זיי האָבן פאַרהיט מיַין געזונט אין אומעטיקע טעג...

טאַטע, מאַמע, שוועסטער צוויי - זיי ליגן מיר טיף אין האַרצן,
דער טאָג פון אַייער אומקום איז ניט באַוווסט געגוי,
איך דערמאָן אַייך אין שלאָף און אין וואָר,
און ווען איך צינד אַ ליכט פאַר מַיין אומפאַרגעסלעכער פרוי.

## העלענאַ צעלוביץ

איך שרַייב אַ מתנה ליד, וואָס עס קומט אַייך.
עס שטויסט מיר דער געוויסן, זאָגט אונטער מַיין האַנט,
ערפילן מַיין פליכט (געדאַרפט עס טאָן פריער: "מענטשלעכקייט")
איר האָט אַ טיטל דאָקטער, ניט אַלע קענען דערגרייכן אַזאַ שטאַנד.

אין יעדן פאַל פון געזונט צושטאַנד,
איר שטייט אויף דער וואַך מיט מוטערלעכע געפילן,
איר האָט אַ גרויסן חלק אין מַיין געזונט ווערן,
מיט דאָקטער יעקב קאַשניר און אַייער הילף און גוטן ווילן.

מען קומט צו אַייך העלען, ווען מען איז קראַנק,
אַיַער צוגאַנג מיט די מוטערלעכע רייד און דאָקטערשן וויסן,

ווען מען פאַרלאָזט אַייער צימער איז מען באַלד געזונט...
מען פאַרגעסט אין קאָפּווייטאָג, מען הערט אויף צו ניסן...

ווען איך קום צו אַייך אויף אַ וויזיט - כ׳בין קראַנק,
און עס פעלט מיר אַן אויסדרוק אויף דער שפּראַך,
איר קאָנט רעדן אויף ייִדיש, עברית, און רוסיש אוודאי,
איר העלפט אַרויס אין דעם לשון - דערבַיי גיט איר אַ לאַך...

איך מוז אין דעם ליד איבערגעבן אין קורצן אַ מעשה פון י.ל.פּרץ:
דער שטעטלשער רב, אָנשטאָט צו גיין אין בית מדרש, ימים-נוראים
אויף סליחות, איז ער גאָר אַוועק, פאַרשטעלט ווי אַ גוי, צו אַן
אַלטער קראַנקער ייִדענע, אַײנעהייצט דעם אויוון, און שטיל, כדי זי
ניט צו שטערן, תפילה געטאָן...

די מעשה האָב איך ניט סתם דערציילט,
ס׳איז אין דער מעשה דאָ אַ רמז וועגן אַייך,
דער אַרבעטסטאָג איז בַיי אַייך לענגער ווי געוויינטלעך.
איר האָט ליב די אַרבעט. איר ווילט פון דעם ניט ווערן רַייך.

# דער עלטער

בילדער שטייען פאַר די אויגן,
איבערלעבונגען פון יוגנט טעג,
ווי אַ רעגן-בויגן, איז פאַרגאַנגען
דעם אומפאַרגעסלעכן לעבנס וועג.

ווען איך טראַכט וועגן אויסדריקן דעם דאַנק,
וואָס קענסט נאָך טראַכטן און געדענקען ביזן גרונט.
פון פריסטן יוגנט ביזן טיפן עלטער,
פירט די רויטע ליניע צו דעם ענדע פונקט.

פאַרשווונדן יוגנט פרייד אין עלטער יאָרן,
אין אַזאַ צושטאַנד - דער לעבן-מאָנאָטאָן,
טאָג אַיין טאָג אויס דאָס זעלבע,
מיט מחשבותן פון אַמאָל איז מען פאַרטאָן.

דער גרעסטער טייל פון לעבן איז אַריבער,
דער וועג ניט געווען באַצירט מיט בלומען.
פאַרלאָזן דאָס היים אין מלחמה געפאַר,
מיט דער האָפענונג צוריקצוקומען.

דער טיגער זַיינע נעגל געשאַרפט,
אַ פאָרשפיל די מלחמה מיט פוילן.
די לופט האָט דעם מלחמה ריח פאַרשפרייט,
די מלחמה מיט שווונג איז אַרַיין מיט ביטערע גרוילן.

ווי אַ דונער קראַך איז דער שטורעם געקומען,
דער גרויזאַמער קריג זַיינע שוואַרצע פליגל צעשפרייט.
אין העלן הימל פון הייסן זומער טאָג,
שוואַרץ דער הימל מיט כמאַרעס פאַרזייט.

מיט טויט-געפּאַרן אין דער מלחמה,
ניט געטראַכט, אַז קומען וועט אַזאַ צײַיט,
קענען דערמאָנען פאַרגאַנגענע שטורעמס,
אַז די וועלט נאָכן שטורעם וועט ווערן באַנײַיט.

דער מלחמה שטורעם איז פאַרענדיקט.
מען האָט באַזיגט דעם שונא אין שווערן קריג.
פאַר דעם הייפל יִידן וואָס איז פאַרבליבן,
מיט ווייטאָג באַגעגנט האָט מען דעם זיג.

ווען דער עלטער איז געקומען,
מען טראַכט פון צײַיטן וואָס געווען אַמאָל,
וועגן שוידער פון מלחמה,
ווי זײַינען מיר געבליבן לעבן - כאָטש קליין אין צאָל.

## וַייסע טייבעלעך

דאָס ליד פון טייבעלעך וַייסע
וועגן ליבע און פרידן פאַרשריבן.
עס זינגט זיך דאָס ליד פון האַרצן אַרויס,
דאָס ליד האָט דעם אַיינזאַם פאַרטריבן.

טייבעלעך וַייסע וואָס וואָרקען,
פעדערלעך פוכיק ווי שניי,
שנעבעלעך רויטע וואָס קושן,
זינגט דאָס ליד וועגן זיי.

דאָס ליד פון אומעט באַפרַייט,
דורכן פענצטער צוויי טייבעלעך וַייסע געקומען,
קושן זיך און וואָרקען דערבַיי,
טייבעלעך וַייסע ווי בלומען.

מַיין אויג ווערט פאַרשיכורט,
ווען זיי קושן און פלעכטן זיך אַיין,
כ׳דערמאָן זיך מַיין ליבע די ערשטע,
די יוגנט אַוועק - אַזאַ ליבע וועט מער ניט זַיין.

כ׳האָב ליב דאָס ליד,
מַיין ליבסטע האָט עס געזונגען,
דאָס ליד ווי אַ הימען אַ שיינער,
אין איר צימער דאָס ליד האָט געקלונגען.

# **לידער**
## צוויטער טייל: אין די טיפענישן פון זכרון

## שטערן און אומקום

פֿאַרלאָשן אַ שטערן...
פֿאַרשווונדן ווי ער וואָלט קיינמאָל ניט געווען.
מער ניטאָ דעם צאַנקען גלאַנץ,
ווי מען וואָלט אים קיינמאָל ניט געזען.

מענטשן געטויט דורך רוצחישע הענט,
נאָכן אומקום זייערע שטערן פֿאַרלאָשן.
פֿאַרלאָשן שטערן אין רויטקייט,
שטערן וואָס לײַכטן אין רויטקייט ווערן פֿאַרברענט.

פֿאַרוואָס האָט מען מײַנע עלטערן פֿאַרניכטעט?
מײַין טאַטע-מאַמע שווער געאַרבעט פֿאַר אַ שטיקל ברויט,
זײַנען ערלעך געווען. קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן.
מ׳האָט זיי געמאַטערט, געשאָכטן - פֿאַרוואָס אַזאַ שרעקלעכער טויט?

זייערע שטערנס מיט רויטקייט געפֿינקלט,
די שטערנס מיט בלוט, רויט פֿאַרצויגן.
זייערע תּפֿילות געבעטן צו גאָט, צו די שטערן.
דער לעצטער געבעט, מיט טרערן פֿאַרגאָסענע אויגן.

רויטע הימלען, שטערן מיט טונקלקייט פֿאַרהילט,
בײַינאַכט אין געלאָף, זיי געטריבן גאַלאָפּ.
אויף שפּיציקע שטיינער, בלוטיקע פֿיס,
מיט שטעקנס און גומעס געשלאָגן איבערן קאָפּ.

מיט געבעטן פֿאַר שענקען דאָס לעבן פֿון די קינדער.
קינדער וואָס פֿאַרשטייען ניט דעם טויט.
געטריבן צו די ווענט פֿון די שטיינער,
די שטיינער געוואָרן מיט בלוט-פֿלעקן רויט.

# דער קעלער

אונדזער קעלער׳ז געווען דער שטוביקער סוד,
דעם טיפן קעלער האָט קיין פרעמד מענטש ניט געזען,
ניט די טיר און ניט די טרעפּ וואָס פירן צו אים אַראָפּ,
פון דרויסיקן הויף איז נאָך קיינער אין קעלער ניט געווען.

פאַרדעקט איז די טיר מיט טונקעלן געוואַנט,
פאַרבאָרגן פון ניט פרַיינדלעכע אויגן,
אַקעגן געוואַנט אַ טיש מיט אַ שטול.
אַנטפלעקן קען בלויז אַ פליג, ווען דורכגעפלויגן...

זומער, ווען די היצן זַיינען גרויסע,
שטעלט מען אויס שפּייזן אויף די קעלער טרעפּ,
ווַייל דאָרט איז קיל און פינצטער,
ווי אין אַן אַייזקאַסטן, אויסגעשטעלטע טעפּ.

דורכן קליינעם פענצטער פון דעם קעלער,
וואָס געפינט זיך ווי באַהאַלטן אָן אַ זַייט,
פלעגט מען וואַרפן קוילן, האָלץ, קאַרטאָפל -
דורכן קליינעם פענצטער, אָוונט צַייט.

ווען מַיין ברודער קיין ישראל איז אַוועק,
האָט דער קעלער געהאָלפן אים זאַמלען געלט,
פאַרקויפט אַלע שמאַטעס, אויסגעשלאָגן הוצאות.
פאַרלאָזט אונדז - אַוועק אינעם לאַנד וואָס אים געפעלט.

אין צַייט פון געפאַר האָט דער קעלער אונדז באַשיצט,
די גאַנצע משפחה אַ באַהעלטעניש אין אים געפונען.
דער חושך און געבוי האָט אונדז פאַרהיט פון געפאַר,
די פינצטערניש מיט שטילקייט אונדז אַרומגענומען.

דער קעלער האָט אונדז דעם לעצטן גנאָד געטאָן,
ווען ליטווינער און דַייטשן האָבן מַיין טאַטן געיאָגט.
די מאַמע האָט דעם טאַטן אין קעלער אַראָפּגעשיקט,
"ניטאָ אין שטוב מַיין מאַן," האָט זי זיי געזאָגט.

וויפל צַייט איז דער טאַטע אין קעלער געווען,
ווייסט קיינער ניט. די משפחה קיין פּאָנאַר איז פאַרטריבן.
פון אַלע שטיבער אין דער נאַכט צוגענומען.
דער טאַטע איז אין קעלער אַליין און אַיינזאַם פאַרבליבן.

כ'בין פון אַרמיי אין היימשטאָט געקומען,
זוכן דאָרט משפחה, מַיין פרוי מיטן קינד,
צו ערשט באַזוכט מַיין היים ווו כ'בין געבוירן -
אויפן אָרט, אַ חורבה פאַרבליבן בַיים ווייִקן ווינט...

נאָר דער קעלער איז פאַרבליבן ווי אַ סימבאָל,
פון ברידער און פון שוועסטער, טאַטן, מאַמען,
זיכרונות פון ציגל, ווענט, טונקלקייט, געוועבן,
אין חלום כ'זע מַיין היים. פון קעלער שפאַרן פלאַמען...

## מַיינע שוועסטער

מיט וואָס בין איך אויסדערוויילט צו בלַייבן לעבן,
ניט דורכגעמאַכט דעם פֿייער. די רוצחים ניט געזען.
דער גורל׳ט מיר געהיט, דערלעבט דעם טיפֿן עלטער,
מיט גרויס שוידער באַנומען וואָס דאָרט איז געשען.

צוויי מַיינע ליבע שוועסטער - אייגן פֿלייש און בלוט,
געקאָנט אַנטלויפֿן. ניט געוואָלט פֿאַרלאָזן טאַטע-מאַמען,
דרַיי-און-דרַייסיק איינע, צוואַנציק יאָר די צווייטע,
דער גרויזאַמער גורל האָט זיי פֿאַרטריבן אין די פֿלאַמען.

טאָג אַיין טאָג אויס מַיינע שוועסטער ליגן מיר שווער אין האַרצן,
איבער זעכציק יאָר נאָכן אומקום איז דער וווּנד נאָך פֿריש,
מַיין בלוט זיך אויסגעמישט מיט די שוועסטערס ווונדן,
דער איינציקער אָנדענק: אַ בילד וואָס אָן אויפֿהער כ׳קוש...

טאַטע-מאַמע געהייסן די שוועסטער אַנטלויפֿן פֿון פֿייער.
די טרַייע קינדער ניט פֿאַרלאָזט זיי אין שטורעם אַליין,
דער זעלבער גורל: פֿאַרשניטן טאַטע-מאַמען מיט שוועסטער צוויי,
ניטאָ קיין קבר, ניטאָ קיין שפּור, פֿון זייער געביין.

די ייִנגסטע פֿון דער משפּחה - דאָס ביימעלע פֿון צוואַנציק יאָר,
געווען דער טרובאַדאָר מיט איר געזאַנג שטים און שיינעם פּנים,
די משפּחה׳ט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אירע פּרעכטיק שיינע האָר און אויגן,
איז פֿאַרבליבן אָפּהיטן אירע עלטערן פֿון די רוצחישע שונאים.

מַיין עלטסטע שוועסטער, מיט איר שמואליקן אויפֿן האַנט,
האָט אַלעמען געפּרוווט פֿאַרטיידיקן: זיך געקעמפֿט מיט די באַנדיטן.
צו שוואַך קעגן די רוצחים, איז שמואליקל געווען דער ערשטער קרבן,
מיט איר קערפּער פֿאַרשטעלט, טאַטע-מאַמען פֿון טויט געוואָלט פֿאַרהיטן.

## אונדזער שיינע באָבע

כ׳האָב געהאַט אַ באָבע מיט אַ זיידן.
די באָבע אויפן קאָפּ אַ קוקלע פון לאַנגע ווײַסע האָר.
דער זיידע מיט אַ קָמץ-בערדל, מיט קורצע באַקן בערד.
ווען ניט די מלחמה, וואָלטן זיי געלעבט נאָך לאַנגע יאָרן.

די באָבעס בעט מיט ניקל גאַלקעלעך באַפּוצט.
שיינע קישעלעך מיט מוסטערן ווײַס ווי שניי.
אַ טרעטער פון טונקעלן געוואַנט פאַרשפּרייט.
אויפגעשטאַנען פון געלעגער ווען אַ האָן געטאָן אַ קריי.

אַ קניפּעלע געלט באַהאַלטן האָט די באָבע
אויף אַ שלעכטן טאָג - ווער ווייסט וואָס.
אַ גאָלדן זייגערל פאַרן אייניקל, ווען אַ כלה׳ט ווערן.
זאָל דעם חתן וואָס וועט קומען אימפּאָנירן דאָס.

אַ סלויִק מיט צוקערלעך פאַר די אייניקלעך,
גרינע, רויטע, זיסע, גרויס ווי קליינע ניסעלעך.
די באָבע פלעגט אונדז טיילן ווען מ׳איז צו איר געקומען,
לייגן אויף שטיקעלעך פּאַפּיר, ווי קליינע שיסעלעך.

די באָבע ווי אַ פּאַרקויפערקע טיילט שבת אויבסט.
מיר האָבן אַלע ליב אונדזער שיינע באָבע.
אין אַ ווײַסן פאַרטוך, מיט אַ גרויסער שפּילקע אין די האָר,
בלויע אוירינגלעך - וואָס פּאַראַ שיינע אַלטיטשקע מיר האָבן.

וואָס האָט אונדזער באָבע שלעכטס געטאָן די דײַטשן?
אַרויסגענומען איר פון בעט מיט אַלעמען אויף פּאָנאַר געטריבן,
ניט געקענט צוליבן עלטער אָניאָגן דעם טראָט.
מ׳האָט געשלאָגן מיט שטעקנס איר גוף דעם מידן.

דעם לעצטן וועג צום טויט קוים געשלעפּט די פּיס.
דעם זעלבן גורל מיט אַלעמען געטיילט.
דערגיין צום גרוב ניט געהאַט קיין כוח,
און זאָגנדיק אַ תפילה געפאַלן מיט די הענט צעשפּרייט.

# זעכציק יאָר נאָך דער פאַרניכטונג פון מַיין משפחה

איך פאַראייביק דעם אָנדענק פון מַיין טַייערער משפחה,
וועלכע מען האָט פאַרניכטעט. ליטווינער, פּאָליאַקן און דַייטשן,
קאַלטבלוטיק האָבן זיי געשאָסן און פאַרברענט, עס זאָל פון זיי
ניט בלַייבן קיין שפור...
נקמה טראָג איך טיף אין האַרצן. כ׳בַייל מיט די פויסטן און שרַיי
צו זיך אַליין - נקמה!
פריש אין זיכרון - זייער אויסזען, גאַנג, און לשון,
זיי שטייען אַנטקעגן ווי כ׳וואָלט זיי נאָר וואָס געזען,
כ׳וועל זיי דערמאָנען, באַווײנען, נעמען נקמה.
זעכציק יאָר נאָכן אומקום - ווי נעכטן וואָלט עס געווען.

כ׳קען ניט אַנדערש, - צו טַייער די וואָס כ׳האָב פאַרלאָרן,
כ׳מוז זיי אייביק דערמאָנען, מיט שטענדיקן דויער...
כאָטש פרַיינד טאַדלען מיר: - בינסט אין אייביקן געוויין
און דריקסט אויס זייער אומקום, אין ווייטיקן טרויער.

כ׳האָב ניט קיין רו, די דערמאָנונג און בענקשאַפט,
כ׳בין געבליבן דער לעצטער. אַלעמען פאַרלאָרן...
כל-זמן כ׳לעב, וועל איך זיי דערמאָנען מיט טרערן,
מַיין נקמה פאַר זייער ליידן. כ׳דריק די פויסטן פאַר צאָרן.

כ׳האָב געשפירט מַיין האַרץ - עס האָט מיך געוועקט,
וועגן דעם אַלעם, וואָס דאָרטן איז געווען,
די מאַמע, די שוועסטער, געקעמפט מיט די באַנדיטן,
אויך אַנדערע האָבן געהערט וואָס דאָרט איז געשען.

מַיין נשמה געדענקט אַלץ און וויינט...
מיר פאַרלאָזן שטעט וואָס שטייען אין פלאַמען.
הינטערן דניעפּער געקעמפט קעגן שונא,
ניט געקענט העלפן שוועסטער, טאַטן, און מאַמען.

פאַרן שטורעם האָט מַיין מאַמעלע פּאַר אַלעמען געזאָרגט,
איבערגעלעבט שלעכטע צַייטן און זיך ניט באַקלאָגט,
קיינער האָט ניט געוווסט אונדזער אָרעם צושטאַנד,
די מאַמע האָט ניט געוואָלט מען זאָל וויסן וואָס מען פאַרמאָגט...

טאַטע, ווען דו קומסט אויפן געדאַנק, שפּאַרן טרערן אַרויס,
אַלע האָבן דיר ליב געהאַט, מער פון אַלעמען איך,
מַיין ליבע צו דיר איז ניט צו באַשרַייבן,
ביסט אַ העלד געווען, גרייט יעדן העלפן גיך.

שפרה מַיין שוועסטער, דו האָסט אויסגעקליבן טויט,
יונג ביסטו געווען, אָנהייב שטורעם צַייט,
כ'האָב ניט געקענט אויסקלַייבן צו דיר אַ וועג,
ניט געזען דיר - געווען פון דיר זייער וויַיט.

שוועסטער סאָניע, שמואליק דַיין אוצר איז מיט דיר.
דַיין זון איז אַ טייל פון דיר - איר זַייט איצט צוזאַמען,
האָסט געוואָלט דַיין זון פאַרהיטן פון די רוצחישע בליקן,
ס'ניט געהאָלפן - ביידע זַייט איר פאַרטריבן אין די פלאַמען.

מַיין עלטסטער ברודער, פאַרוואָרפן וויַיט אין ישראל,
דער צווייטער, געקעמפט קעגן דַייטש אין פוילישן אַרמיי,
דער אינגסטער הינטער דער וואָלגע געשמידט דעם נצחון,
מַיין האַרץ, סַיי וואַך סַיי אין חלום, איז מיט זיי.

דער לעצטער געבליבן, אַייער אייביקער באַוויינער.
די שורות געשריבן מיט בענקשאַפט און טרערן.
ווער וועט לייענען דאָס ליד וועגן אַייך, ווען איך וועל ניט זַיין,
ניט געבליבן קיינער, ס'זאָל אַייער טראַגעדיע אויסהערן.

## מַיין משפּחה וועלכע איז מער ניטאָ

אָפּט דערמאָן איך זיך און וויין.
אַלעמען פֿאַרלאָרן אין אַ קורצער צײַט,
טאַטן, מאַמען, שוועסטער, באָבען, זיידן,
ס׳דוכט זיך, זיי שטייען לעבן מיר בײַ דער זײַט.

נאָכן פֿאַרלוסט פֿון די ליבסטע,
אויפֿגעשטורעמט דער ים פֿון טרערן הייסע.
ער שטורעמט ניט איין מאָל אין טאָג,
עס גיסן זיך טרערן, ווי כוואַליעס גרויסע.

צי קענען טרערן אויפֿהייבן די טויטע?
זייער אָנדענק וועט קיינמאָל ניט פֿאַרשווינדן.
ניט פֿאַרלעשן דעם פֿײַערפֿלאַם,
וואָס טאַטע-מאַמע האָבן אין אונדז אָנגעצונדן.

ווען עס קומט דער פֿרילינג, זומער,
מַיין פֿאָטער אויסגעפּוצט אין זומערדיקע בגדים, שיין.
מיט אַ הוט פֿון העלן שטאָף געניייט,
אַ שטעקן מיט אַ הענטל פֿון העלפֿאַנד ביין.

מַיין מוטער אין אַ קלייד פֿון העלן פֿאַרב,
מיט אַ בראָש וואָס בליצט פֿון ווײַט,
שיך פֿון ווײַסן לעדער אויף די פֿיס,
אַ האַנט-בײַטל מיט אַ קייט אויף דער זײַט.

זיי גייען אויף שפּאַציר, דורכן גאָרטן צו דעם טײַך,
די מוטער טראָגט אַ הוט פון שטרוי, מיט אַ ברייטן ראַנד.
זיי שמייכלען און רעדן אין דער שטיל.
דער פאָטער האַלט די מוטער פאַר אַ האַנט.

מײַן שוועסטער סאָניע פירט שמואליקן איר זון שפּאַצירן.
דער גרעסטער גליק אין לעבן פון גאָט איר צוגעשיקט.
אַ וווּנדערקינד אין שיינקייט און אין חכמה.
הייזעלעך, אַ רויט-געל העמדעלע, האָט זי אויסגעשטריקט.

מײַן ייִנגסטע שוועסטער שפרהלע.
דײַן זינגען און דײַן טאַנצן אין זכרון איז געבליבן.
אין זומערדיקן העלן קלייד וואָס כוואַליעט אויפן ווינט,
קושנדיק, אַרומגענומען מיט ישראליקן דײַן ליבן.

אַלעמען דערטרונקען, פאַרברענט, אָדער אויסגעשאָסן,
ניט געבליבן קיין זכר פון זיי.
נאָר דעם משפּחה בילד אויף דער וואַנט,
אויף וועלכן איך קוק און וויין מיט ווײ...

# לכבוד מַיין גוטע מאַמע

מַיין גוטע מאַמע האָט אַלעמען פאַרזאָרגט,
מיט ברויט און צו ברויט פאַר די קינדער.
אויב ניט קריגן פאַר קיין געלט, האָט זי געבאָרגט,
אויסגעהאַלטן די שלעכטע צַייטן - ס׳איז אַ וווּנדער...

כדי צו האַלטן אירע שעפעלעך בַיים לעבן,
פון גאָרניט אַ קאַשקעלע געמאַכט.
פאַרמישט טונקל מעל וואָס ערגעץ ווו געקראָגן,
אויך שאָלעכץ פון קאַרטאָפל וואָס פון גאַס געבראַכט.

אויסגעוואַקסן קינדער הויכע מיט קרייזלדיקע האָר.
אונדזער גוטע מאַמע האָט אַלעמען באַזאָרגט.
אויסגעווײנט פאַר מַיין שוועסטער אַ ווילן חתן.
ווען מַיין ברודער אין ישראל איז אַוועק, אים אַלץ פאַרזאָרגט.

ווען איך בין פון ליטע אַוועק,
מיט הייסע טרערן האָט מַיין מאַמעלע מיך באַגלייט.
אירע טרערן זַיינען אַיינגעקריצט אין מַיין נשמה.
פאַרשווונדן איז מַיין מאַמע. געטיילט מיט אַלעמען דעם טויט*.

פאַרשאָלטן זאָל ווערן ווער מַיין מאַמעלען געטויט.
אַרומגענומען ביידע טעכטער, טרַייבנדיק צו די גריבער,
געזונגען לידער אין לעצטן וועג געגנייט.
כ׳פאַרגעס ניט זייער אומקום, כאָטש אַ סך יאָרן זַיינען אַריבער.

## אונדזער זיידע אברהם זעליק

אונדזער זיידע אברהם זעליק,
איז ייִנגער פון זַיין עלטער.
אַכציק האָט שוין לאַנג געשלאָגן,
אין זַיינע יאָרן - ניט געוואָרן עלטער.

דער זיידע, כאָטש ער האָט אַ ווַייסע באָרד,
און זַיין פנים מסרט זַיינע יאָרן,
די נשמה איז נאָך יונג.
לויט זַיין גאַנג און טראָט, דרַייסיק ניט געוואָרן.

ווען מען טרעפט דעם זיידן גייענדיק אין גאַס,
פרעגט מען אים: "זיידע, וואָס גייסטו אַזוי גיך?"
ענטפערט ער מיט אַ שמייכל:
"נאָכן פאַרריכטן פון דעם שוסטער, פּרובירן מַיינע שיך."

ער גייט ניט, נאָר - ער לויפט.
זַיין שטעקן האַלט ער אויף דער האַנט.
דעם מאַנטלס פּאָלעס צעבלאָזן זיך אין ווינט,
די הויזן האַלט ער אונטער בַיי אַ קאַנט.

ווי אַ יונגער איז מַיין אַלטער זיידע.
זינגט בַיי דעם עומד ווי אַ יונגער מאַן.
מאַכט אַ כוס אין אַ יום טוב, אָדער ברית.
די באָבע לאַכט און זאָגט: "אַ יונגער מאַן אָן איין צאָן."

געקענט נאָך לעבן לאַנגע יאָרן.
געטיילט מיט אַלעמען דעם אומקום טויט.
רוצחים געכאַפּט אים אויף דער גאַס.
פאַר דער באָבען און פאַר זיך געזוכט אַ שטיקל ברויט...

## געזוכט - ניט געפֿונען

אויפֿן דערנער וועג געשפּאַנט, דעם ווייטאָג אין האַרצן שטיל.
ווייטע ווײַטקייטן, אויף שפּיציקע שטיינער דער וועג.
זוכן אַ גליד - אפֿשר ווער פֿאַרמיטן דעם טויט?
דער גאַנג, מיט שלעכטע מחשבֿות אָן אַ ברעג.

דורך פֿינצטערע וועלדער געגאַנגען זוכן אַ פֿונק.
דערגאַנגען צו גלאַטיקע זומפּן, שווער שטעלן אַ פּוס.
געענדיקט דער וועג. ניטאָ אפֿילו אַ שפּור, קיין גליד.
אפֿילו די זון איז פֿאַרשטעלט פֿון פֿאַרדרוס...

דורך בערג, טאָלן, פּראָסטיקן שניי,
געלאָפֿן ווי ווינטן אין שטורעם,
ווי הירשן אַנטלויפֿן פֿון יעגער.
אַנטלאָפֿן פֿון גהינום. פֿאַרמיטן יסורים.

ווי אַ שטויב פֿון פֿאַרגאַנגענע נעפּלען,
פֿאַרוואָגלט אין פֿרעמדע געצעלטן,
צעמאָלן פֿון זאַמדיקע שטורעמס,
פֿון וואַסער, פֿלאַמען, און קעלטן.

צו פֿרעמדע ערד זיך דערשלאָגן,
פֿרעמדער הימל. פֿרעמד דער אַרום.
ניט אויף מײַין בעט לאַנגע נעכט זיך געוואַלגערט.
הונגער, דאָרשט, באַקלאָגט זיך מיטן לשון אויף שטום...

## דער נײַנטער מאַי

אויפֿן אויפּטריט פֿון נצחון, דערלעבט צו זען מיט מײַנע אויגן,
בראַווע יונגען, די זין און טעכטער פֿון באַפֿרײַער.
דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר צעזונגען פֿאַר פֿרייד.
איך בין דאָרטן געווען. יעדער פֿון זיי איז מיר טײַער.

ס׳שטייט פֿאַר מיר דאָס בילד פֿון פֿאַרגאַנגענע צײַטן.
געווען אַ זעלנער אין דער אַרמיי פֿון באַפֿרײַער,
מיטן ביקס אין האַנט, מיט בטחון אין האַרץ, לעבן געבליבן.
אַ דאַנק חברים און אַ נקמה געפֿיל, אַרויס פֿון פֿײַער.

פֿון דערמאָנונג אין איבערלעבונג כ׳האָב געוויינט.
אין קאַמף אויף די פֿראָנטן אין יענער צײַט,
די ערד צעמישט מיט בלוט, רויך, און פֿײַער,
פֿון שונא געיאָגט דורך זומפּיקע וועלדער גאָר ווײַט.

כ׳האָב טרערן פֿאַרגאָסן אין יענע שרעקלעכע טעג.
געווען אָפּגעריסן פֿון דער משפּחה. ניט געוווסט וואָס מיט זיי.
אפֿשר לעבן געבליבן כאָטש איינער פֿון בלוטיקן שטורעם?
טאָג און נאַכט געטראַכט, זײַענדיק אין רויטער אַרמיי.

מיטן שטאַרקן ווילן פֿון וועלן טאַטע-מאַמען זען,
מײַן משפּחה אָנדענק, די געדאַנקען מיר פֿירן,
מיט יעדער טוונג מיט שנאה דעם שונא געשלאָגן,
די שווערסטע אויפֿגאַבע מיט ליבע און ווילן אויסצופֿירן.

די רויטע באַפּרײַיער האָבן מַיין לעבן פּאַרהיט.
געטיילט מיט אַ העמד, מיט ברויט גלַייך אויף גלַייך.
כ׳וועל קיינמאָל פאַרגעסן יענע צַייט פון שטורעם,
אין די דערפער אויפגענומען גוט - אָרעם און רַייך...

מען באַשולדיקט די רויטע באַפּרײַיער אין שלעכטסקייט.
ס׳איז ניט ריכטיק: ליכטיקע נשמות האָבן זיי.
מיט פרייד באַזאָרגט אונדז אין יענער צַייט, דאָס בעסטע,
מיטן עסן, נאַכטלעגער, קישנס געשטאָפּטע מיט היי.

כ׳האָב ניט דערלעבט צו זען די הייליקע מענטשן צו דער גליקלעכער צַייט
ווען עס ליגן די פאָנען מיטן העסלעכן קרייץ אויף דער ערד.
ווי צעשלאָגן די רוצחים, זייערע הַייזער צעפאַלן.
די רויטע באַפּרײַיער האָבן צעבראָכן זייער בלוטיקן שווערד.

## ווילנע

כ׳וויל זען ווילנע פֿאַרן שטורעם דעם גרויסן.
אַלץ איז פֿאַרשריבן אין מַיין זכרון,
די טונקעלע און זוניקע געסלעך,
מַיין היים ווו איך בין געבוירן.

כ׳געדענק ווו מַיין וויג איז געשטאַנען,
ווו ליכט פֿון דער זון איז קיינמאָל אַרַיין.
אין טונקעלן צימער אַ ריח פֿון ווילגאָט און שימל.
אַ ליכט אויפֿן טיש האָט פֿאַרביטן זונענשַיין.

טויערן וואָס קרעכצן בַיים שליסן,
מויערן עלטער פֿון הונדערט - אפֿשר מער,
דער טינק פֿון די ווענט לאַנג פֿאַרשוווּנדן,
פֿערד און וואָגן מיט אַייזערנע רעדער געווען דער פֿאַרקער.

אָנקוקן קרעמלעך אין טונקעלע געסלעך,
לייענען אויף ייִדיש וואָס אויף די קרעמלעך געשריבן,
גיין אויף טראָטואַרן וואָס קרעכצן בַיים טראָט.
אין די שמאָלינקע געסלעך ווו דורות געלעבט האָבן ייִדן.

מער ווי אַ האַלבער יאָר הונדערט פֿאַרבַיי,
איך חלום אין וואָר וועגן ווילנע מַיין שטאָט,
פֿון די זאַמדיקע וועגן און וועלדער אַרום,
גערטנער און סעדער וואָס ווילנע פֿאַרמאָגט.

טַייכן און בריקן אין ווילנע געווען,
אָסטראָבראָם מיט קריסטלעכע תּפֿילה געזאַנגען,
אַ סך קלויסטערס מיט צלמים וואָס שרעקן,
אומעטיקע טענער פֿון גלאָקן קלאַנגען.

ווילנער שלאָס באַרג, הערב פֿון ווילנע.
בערג פֿון וַייסע צלמים וואָס מען זעט דאָרט אַרום.
די וויליע, די פּליטן, און מיצקעוויטשעס סטאַטוע בַיי דער זַייט,
מיצקעוויטש האָט באַשריבן אונדזער שטאָט און איר רום.